**גוט שבת אלע אידן.** דער פאלגענדער מעשה איז א מוראדיגע מעשה וואס מען וועט לייענען ווי דער בעל מעשה דערציילט עס אין זיין אייגענע ווערטער. "ביז איך בין געווארן זיבעצען יאר אלט, האב איך נישט געוואוסט אפילו אז איך בין א איד... מיין מאמע איז געקומען פון א פרומע שטוב וואו מען האט געהיטן שבת און מצוות מיט אלע חומרות. מיין עלטער זיידעס זענען געווען חשובע אידן אין יוראפ בערך א הונדערט יאר צוריק. אבער, ווען איך בין געווען א קינד, האב איך קיינמאל נישט געהערט אפילו אז מיינע עלטערן זאלן דערמאנען דעם ווארט "איד" אין שטוב! איך בין אויפגעוואקסן אין א קליינעם שטאט אין דעם מיד–וועסט געגענט פון אמעריקע, א געגענט וואו עס איז נישט דארט קיין סאך אידישקייט.

איין טאג, ווען איך בין געווען זיבעצען יאר אלט איז מיין מאמע׳ס מאמע אוועק. מיין מאמע האט געוואלט זיצן ׳שבעה׳ אפילו מיין מאמע איז דעמאלט נישט געווען פרום, נעבאך. מיין מאמע איז געזיצען ביי איר ברודער וואס איז יא געבליבן פרום זיין גאנצע לעבן, ב"ה. דורך די וואך פון דער שבעה, איז א אידישע פרוי וואס איז עוסק אין קירוב אין יענע שטאט, אריבערגעקומען עטליכע מאל. יענע פרוי האט גערעדט מיט מיין מאמען וועגן ווערן א בעלת תשובה. אירע ווערטער האבן געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף מיין מאמען.

ווען די שבעה האט זיך געענדיגט, האט מיין מאמע אנגעהויבן צו גיין צו שיעורים און זי איז צוביסלעך שטארק אריינגעטון געווארן אין אידישקייט. א שטיק צייט דערנאך איז זי טאקע געווארן אן עכטע שומרת תורה און מצוות, אן עכטע בעלת תשובה. נאכדעם האט מיין מאמע אנטפלעקט צו מיר אז איך בין א איד. די בשורה איז געפאלן אויף מיך אזוי ווי א באמבע! נישט ווייל איך האב געהאט עפעס קעגען אידן. נאר, איך האב קיינמאל נישט אין מיין לעבן אפילו געטראכט אז איך בין א איד! מיין מאמע האט געוואלט מיך צורעדן אז איך זאל לערנען תורה אין א ׳ישיבה׳ און איך זאל ווערן א בעל תשובה, וכו׳. אבער אלעס האט פאסירט אזוי שנעל... קוים וואס איך בין געוואר געווארן אז איך בין א איד, האט זי שוין געוואלט מיך מאכן פאר א פרומער! פארשטייט זיך אז איך בין נישט געווען אזוי אינטערעסירט אין אידישקייט דעמאלט.

מיין מאמע האט מיך אבער נישט אזוי שנעל אפגעלאזט. ווען די זומער איז אנגעקומען האט זי מיך באשטעלט א טיקעט צו קומען אויף אן עראפלאן צו דעם ניו יארק געגענט וואו זי האט געוואוינט. צוויי וואכן האב איך פארברענגט מיט מיין מאמען און איר פרומען ברודער און זיין משפחה. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געהאט א שייכות מיט ערליכע אידן. מיינע שוועסטערקינדער זענען געווען זייער ווארעם צו מיר און זיי האבן מיך שטארק מקרב געווען. אפילו איך האב געשפירט זייער באקוועם צווישן פרומע אידן, אבער איך האב דעמאלט נישט געהאלטן ביים ווערן פרום.

אפילו אזוי, האבן די צוויי וואכן געעפענט א קליינע עפענונג אין מיין הארץ. ווען איך בין אהיימגעקומען, האט מיין מאמע ערלעדיגט אז א איד פון א קירוב מוסד אין מיין געגענט זאל מיך איינלאדענען צו שבת סעודות, וכו׳. און דורך דעם האב איך ווייטער געהאט כאטש אביסל שייכות מיט פרומע אידן.

יעצט דארף איך אביסל מקדים זיין בעפאר איך דערצייל דעם נעקסטען שטיקל... אפאר יאר בעפאר מיין מאמע איז געווארן א בעלת תשובה, און איך בין געוואר געווארן אז איך בין א איד, וכו׳, האב איך מיך איינגעשריבן ביים מיליטער. אפילו איך בין געווען וועניגער ווי אכצען יאר אלט האט די מיליטער מיך אנגענומען פאר "טרייענינג." נאכדעם וואס איך האב געענדיגט סקול, האב איך געהאט די ברירה אריינצוגיין אין דעם ריכטיגען מיליטער און ווערן א סאלדאט. רוב פון מיינע קלאס האבן זיך איינגעשריבן ביים מיליטער. בקיצור, איך האב אויך זיך איינגעשריבן אין דעם מיליטער.

איך האב געהאט א הפסקה פון זעקס חדשים בעפאר איך האב געדארפט אריינגיין אין מיליטער. איך האב געהאט דעמאלט שטארקע הרהורי תשובה און איך האב פלוצלינג איין טאג באשלאסן אז איך וויל גיין לערנען אין ישיבה פאר די האלבע יאר. איך בין טאקע געגאנגען לערנען אין א בעל תשובה ישיבה אין ניו יארק. דאס לערנען איז מיך געגאנגען זייער שווער. איך האב געשפירט אז איך האב נישט קיין קאפ פאר דעם, און ביים ענד פון מיינע זעקס חדשים אין ישיבה האב איך געטראכט ליידער אז איך גיי נישט ווערן פרום. אבער, איך האב געוואוסט אז מיין צייט אין ישיבה איז געווען זייער וויכטיג פאר מיך.

דעמאלט אין תש"נ– תשנ"א איז געווען די ערשטע מלחמה אין איראק. די ארמיי האט מיך גלייך געשיקט קיין איראק. דורך מיין צייט אין מיליטער האב איך נישט געפעלט איין טאג זאגן קריאת שמע און לייגן תפילין. (אפילו איך בין נישט געווען דעמאלט פרום.) די אנדערע סאלדאטן וואס זענען געווען גוים האבן מיך זייער מכבד געווען. באלד דערנאך איז די מלחמה ממש אויסגעבראכן. דאס קריגעריי איז געגאנגען זייער שווער, אבער ב"ה, האבן מיר געווינען קעגען איראק.

איין טאג אין מיטן די מלחמה, האב איך זיך מיישב געווען אז איך וויל יא ווערן פרום. וואס איז געשען? בשעת מיר זענען געפארן קיין קאוועיט (א לאנד לעבן איראק וואס איראק האט איינגענומען, וואס האט גורם געווען די מלחמה) האב איך געזען ווי שטארק חרוב מיר האבן געמאכט דעם לאנד. אויף דעם הויפט הייוועי ארויסקומען פון קאוועיט, האבן מיר געזען אלע מיני טייערע קארס וואס די איראקיס האבן באגנבעט פון די רייכע אראבער אין קאוועיט. אלע טייערע קארס זענען פארברענט געווארן דורך אונזערע באמבעס. איך בין נתפעל געווארן צו הערן וואס מיינע חברים די גויאישע סאלדאטן האבן געזאגט דעמאלט וועגן די קארס. יעדער איינער בלי יוצאי מן הכלל האט געזאגט אז ער האט געגליסט צו האבן אזא טייערע קאר. איך האב דעמאלט געטראכט אז אלע גשמיות איז הבל הבלים, און איך האב נישט פארשטאנען פארוואס די גוים האבן עס געגליסט אזוי שטארק, ווייל איך האב געזען אז דאס גשמיות האט גאר נישט געהאלפן די טויטע איראקי גנבים וואס האבן געפירט די קארס ווען מיר זענען אריינגעקומען.

נאכדעם וואס מיר האבן געקענט זיך בארואיגן אביסל, האב איך געשלאפן אביסל, דאן האב איך געלייגט תפילין און געדאווענט. דעמאלט האב איך באשלאסן אז איך וויל צוריקגיין צו דער ישיבה ביים ערשטען געלעגענהייט. נאך די מלחמה האב איך געענדיגט מיין צייט אין דעם מיליטער, און גלייך דערנאך בין איך אריינגעגאנגען לערנען אין א ישיבה.

ביים אנפאנג איז עס שווער געווען פאר מיך אין ישיבה, ווייל איך בין נישט געווען צוגעוואוינט צו זיצן אזוי לאנג. אבער, אלס סאלדאט האב איך געלערנט דעם וויכטיגקייט פון פאלגען וואס מען האט מיך געהייסן טון. אזוי איז עס געווארן גרינגער פאר מיך צו זיצן און לערנען ווייל אזוי האט דער אייבערשטער געוואלט פון מיר. צוביסלעך בין איך אינגאנצן פרום געווארן. ב"ה היינט בין איך סאלדאט אין דעם אייבערשטען׳ס ארמיי!"

מיר אידן זענען נישט אזוי ווי די אנדערע פעלקער. דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו מקיים זיין די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די וואך, "...ובך בחר ה׳ להיות לו לעם סגלה מכל העמים..." לאמיר אלע געדענקען כסדר אז מיר זענען דער עם סגולה, און דורך דעם קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו דינען דעם אייבערשטען מיט אן אמת׳ע שמחה. **גוט שבת אלע אידן.**

**נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)